# דעם רבינ'ס ליכט

באַ תשפ"ג
גליון 127



**אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

*יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי פָּרָשִׁיּוֹת פוּן שְׁמוֹת בִּיז מִשְׁפָּטִים, דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי תּוֹרָה דִי שִׁעְבּוּד פוּן מִצְרַיִם דִי גְאוּלָה, מַכּוֹת אוּן מַתַּן תּוֹרָה אִיז צַייט צוּ פְרֶעגְן פוּן עֶנְק קִינְדֶער אַ פְרַאגֶע.*

הָאט אֵיינֶער פוּן אוּנְז אַמָאל אַרַיינְגֶעטְרַאכְט בַּיים דַאוֶונֶען וָואס מֶען זָאגְט בַּיי שַׁחֲרִית יֶעדְן טָאג? עֶס אִיז דָא אַ פָּסוּק, "וַתֵּרֶא אֶת עֳנִי אֲבֹתֵינוּ בְּמִצְרָיִם וְאֶת זַעֲקָתָם שָׁמַעְתָּ עַל יַם סוּף (נחמיה ט, ט)" אַז דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶען דִי פְּלָאג פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אִין מִצְרַיִם אוּן זֵייעֶרֶע גֶעשְׁרֵייעֶן הָאסְטוּ צוּגֶעהֶערְט בַּיים יַם-סוּף. אִיז דֶער פָּסוּק מַמְשִׁיךְ, "וַתִּתֵּן אֹתֹת וּמֹפְתִים בְּפַרְעֹה וּבְכָל עֲבָדָיו וּבְכָל עַם אַרְצוֹ," פַארְוָואס? "כִּי יָדַעְתָּ כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם," דוּרְכְדֶעם, "וַתַּעַשׂ לְךָ שֵׁם כְּהַיּוֹם הַזֶּה (נחמיה ט, י)" – כִּבְיָכוֹל, הָאסְט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נָאמֶען אַזוֹי וִוי דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג.




וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי פְּסוּקִים וָואס מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג? אַ מֶענְטְשׁ קֶען דוּרְכְגֵיין זִיבֶעצִיג יָאר דֶעם פָּסוּק אוּן קַיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן: "וָואס זָאג אִיךְ דָא?"

לָאמִיר זֶען וָואס ר' נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק אִין הִלְכוֹת קְרִיאַת הַתּוֹרָה (הלכה ו' אות ט"ו) שְׁרַייבְּט עֶר אַזוֹי: "וֶוער עֶס וִויל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן תַּכְלִית הַנִּצְחִי, זַיין תַּקָּנָה אִיז, אַז עֶר, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁטֵייט אוּן גֵייט, אַזוֹיוִוי עֶר אִיז, יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין מַדְרֵגָה בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת וִואו עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, דַארְף עֶר בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ אָפְּמַאכְן אַז עֶר אִיז אַזוֹי וִוי אַ נַייעֶ בְּרִיָּה מַמָּשׁ - אַ פְרִישׁ גֶעבּוֹירְן קִינְד! אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן אַלֶע פּוֹסְקִים בְּרֶענְגֶען דָאס, אַז מֶען דַארְף מַאכְן בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, פַארְוָואס?! וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר בְּרִיָּה – נֵיי-גֶעבּוֹירְן. מִיר מַאכְן דִי בְּרָכָה, הַמַּחֲזִיר נְשָׁמוֹת לִפְגָרִים מֵתִים, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ, אַלֶע בְּרָכוֹת זֶענֶען אוֹיךְ אוֹיף דִי נְשָׁמָה וָואס הָאט זִיךְ פְרִישׁ בַּאנֵייט אִין דֶעם אִיד.

יֶעדֶעס קִינְד, יֶעדֶער בָּחוּר, יֶעדֶער אִיד דַארְף זַיין עֲבוֹדָה זַיין אִינְגַאנְצְן נֵיי! יֶעדֶער אִיד, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז, וִוילַאנְג דֶער אִידִישֶׁער נָאמֶען יִשְׂרָאֵל אִיז נָאךְ אוֹיף אִים, טוּט עֶר יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מִצְווֹת. עֶר טוּט אָן צִיצִית, תְּפִלִּין, עֶר זָאגְט בְּרָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר דַאוְונְט, אַסַאךְ אִידְן זָאגְן תְּהִלִּים, מֶער לֶערְנְט אַבִּיסְל / אַסַאךְ תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין אַז דֶעם טָאג וִוי אִיךְ גֶעפִין זִיךְ יֶעצְט, אִיז נָאךְ קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן סְ'וֶועט קַיינְמָאל נִישְׁט זַיין. דִי עֲבוֹדָה וָואס אִיךְ דַארְף דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִין דֶעם טָאג אִיז נֵיי אִינְגַאנְצְן. נָאר דוּ

המשך אויף זייט 6

# לייבעלע

## פאַרזעצונג #4

לאָמיר גיין צום אַנדערן עק מאַרק, ווי עס שטייען אַ רינגעלע מיט מענטשן. אין אמת'ן דאַרף אונז נישט אינטערעסירן וואס מענטשן רעדן און פּלאַפּלען, זיכער נישט וואס מען רעדט אין מאַרק אָדער אין שאַפּינג-צענטער, אונז האָבן בעסערס און וויכטיגערס וואס צו טון אין לעבן, אָבער אויב מען קען עפּעס ווערן נענטער צום באַשעפער וועלן מיר זיך יעצט אַריינשטופּן די נאָז זיך אויסצוהערן וואס נישט צו רעדן, און וויפיל נישט צו רעדן פון אַנדערע מענטשן.

אין שטעטל גייט נישט אַראָפּ די נייעס פון טיש, וואו מען גייט און שטייט הערט מען איין זאַך.

ישראל מאיר, לייבעלע, לייבעלע, ישראל מאיר, ישראל מאיר, לייבעלע... ישראל מאיר איז געוואָרן ווי אַ פּאָלנער גוי.

אַזוי שטייט נאָך אַ קופּקע נעבן אַ טישל וואו מען פאַרקויפט מאַראַנצן און יעדער האָט וואס אַריינצורעדן..

"איך גלייב נישט אַז ישראל מאיר קען נאָך תשובה טון, אַזאַ שייגעץ וואס ער איז, ער קוקט דאָך אויס ווי אַן עכטער ערל."

"ער האַלט נישט ביי גאָרנישט דער ישראל מאיר, אַזעלכע בושות מאַכט ער פאַר אונזער שטעטל."

"ישראל מאיר? קיינמאָל וועט ער נישט צוריק קומען. נישט אין דעם גלגול, דאָרט זיצט ער, טאַ טאַ טאַ טאַ"...

אָבער איינער גלייבט יאָ אַז ישראל מאיר קען זיך צוריקקערן צום טאַטן אין הימל עס איז נאָך דאָ אַן האָפענונג פאַר אים, פאַר זיין נשמה, וואס איז באַהאַלטן אונטער דעם גראָבן געדיכטן מרה שחורה, וואס ליגט אונטער זיין געלט גייציגקייט.

ווער איז דער מענטש וואס גלייבט נאָך אין ישראל מאיר'ס נשמה ווער קינדער ווער קען עס זיין?

דאָס איז אונזער ר' יצחק ברייטער. ער גלייבט אין רבי'נס ווערטער און ר' נתן'ס ווערטער וועלכער האָט געזאָגט: "אפילו מען זאָל זיין דער גרעסטער בעל עבירה, אבי אבי מען האַלט זיך ביים רבי'ן. וועט מען בוודאי תשובה טון און מען וועט האָבן אַ תיקון."

ער גייט אויפזוכן ישראל מאיר הכהן. ער וועט אים צוריקשלעפּן צום הייליגן טאַטן, דער באַשעפער, דער גרויסער באַשעפער.

ער טראַכט צו זיך ווי אַזוי קען איך כאַפּן אַ קשר מיט דעם ישראל מאיר, אַזאַ איינער וואס פאַרברענגט טאָג און נאַכט מיט פּאָלנע גוים. ער טרינקט און שיכור'ט מיט זיי, ער האָט שוין גאָרנישט קיין שייכות צו קיין אידן. ער וויל נישט האָבן קיין שייכות מיט זיי, ער וויל זיך נישט טרעפן מיט זיי, וואס טוט מען?!

ר׳ יִצְחָק פְּרֶעגְט פוּן דִי שְׁטֶעטְל אִידְן, ווִי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ טְרֶעפְן מִיט יִשְׂרָאֵל מֵאִיר? זֵיי לַאכְן פוּן אִים.

דֶעם גְרַאבְּן בַּעַל עֲבֵרָה וָואס הָאט אָפְּגֶעשְׁמַדְ׳ט זַיין זוּן אִים ווִילְסְטוּ טְרֶעפְן? דוּ מֵיינְסְט אַז מֶען קֶען צוּ אִים רֶעדְן? אַ שָׁאד דַיין אַרְבֶּעט. אִיךְ זָאג דִיר סְ׳אִיז אַ שָׁאד...

אָבֶּער אִין ר׳ יִצְחָקְ׳ס הַארְץ בְּלָאזְט אַן אַנְדֶערְן ווִינְט. עֶר גְלֵייבְּט מִיט זַיין גַאנְצְן הַארְץ אַז אוּנְטֶער דֶעם בְּלָאטֶע בְּרֶענְט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה וָואס לֶעכְצֶעט אוּן דַארְשְׁט צוּרִיק צוּקוּמֶען צוּ אִיר שׁוֹרֶשׁ. מֶען דַארְף אִים נָאר גֶעבְּן אַ הַאנְט אוּן אִים הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם טִיפְן גְרוּב צוּרִיק צוּ טַאטְן אִין הִימְל.

אֵיין טָאג אִיז ר׳ יִצְחָק גֶעוָואר גֶעוָוארְן אַז דֶעם מֶענְטְשׁ וֶועמֶען עֶר זוּכְט אַזוֹי, גֶעפִינְט זִיךְ דָא נִישְׁט וַוייט אִין אַ שְׁטוּב וואוּ יִשְׂרָאֵל מֵאִיר אִיז גֶערוּפְן גֶעוָוארְן צוּ מַאכְן אֵייזְן-אַרְבֶּעט, זַיין פַאך וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גוּט גֶעקֶענְט.

ר׳ יִצְחָק שְׁפַּאצִירְט אַהִין צוּ דֶעם אַדְרֶעס, שְׁטִילֶערְהֵייט דֶערְווִישְׁט עֶר זִיךְ אַרַיין אִינֶעם חָצֵר אוּן בִּיז צְוֵויי מִינוּט אִיז עֶר שׁוֹין אִין דֶעם דִירָה וואוּ יִשְׂרָאֵל מֵאִיר פַארְרֶעכְט דִי אֵייזְן. ר׳ יִצְחָק כַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס עֶר רֶעדְט מִיט יִשְׂרָאֵל מֵאִיר וֶועגְן דָאס אוּן יֶענְץ, שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ קְרִיכְט עֶר אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן וֶוערְטֶער פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ דֶער קְוַואל, דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים וָואס הָאט אַזַא כֹּחַ צוּ דֶערְוֶועקְן דֶעם וַוייטְסְטְן נְשָׁמָה וָואס לִיגְט פַארְחַלְשְׁ׳ט אִין אַ טִיפֶע שְׁלָאף קֶענֶען דִי רֵייד אִים אוֹיךְ דֶערְמִינְטֶערְן.

עֶר אִיז אִים מְגַלֶּה דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס עֶר פַארְמָאגְט, אַ נְשָׁמָה וָואס קוּמְט פוּנֶעם כִּסֵּא הַכָּבוֹד, דִי תַּעֲנוּגִים אוּן זִיסְקֵייט וָואס וַוארְט אִים אָפּ אִין עוֹלָם הַבָּא.

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה


וַזַכֵּנוּ לִקְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר...

מען הייבט אן בעז"ה אין די טעג הלכות פורים.

מתמידים
והודעתם לבניך
אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון

הלכה
ספריכנו
מעשיות
גורלות
און נאך



א גוטע געלעגנהייט זיך מיטצוכאפן
אין מתמידים והודעתם לבניך

אמעריקע 646-585-2977
ענגלאנד 020-376-97807
ארץ ישראל 0733-517202

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## אַ רְפוּאָה פַאר צֵיין-וֵוייטָאג

"אַיייי! מַיין צֵיין טוּט מִיר וֵויי!!!" הָאבּ אִיךְ גֶעקְרֶעכְצְעט. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעפֶערְלִיכֶע צָאן וֵוייטָאג וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט. בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים וֶוען אֵיינֶער הָאט צָאן וֵוייטָאג זָאגְט מַיין מַאמֶע אַז מֶען דַארְף טַאנְצְן. זִי דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי מַעֲשֶׂה פוּן שָׂרָה'קֶע דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף צֵיין וֵוייטָאג. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי זָאל צוּמַאכְן דִי לָאדְנְס אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ טַאנְצְן. דָאס וֶועט זַיין אַ רְפוּאָה.

אוּן מַיין טַאטֶע, וֶוען עֶר הֶערְט וִוי אַ קִינְד קְלָאגְט אוֹיף צֵיין וֵוייטָאג דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַ מַעֲשֶׂה:

"וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ אִינְגְל הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין צֵיין. ס'אִיז גֶעוֶוען אַ טָאג פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אָפְּפָארְן אִין קֶעמְפּ. אִיךְ בִּין נָאךְ דַאן נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'ער אוּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דִי אַלֶע גוּטֶע עֵצוֹת. מַיין מַאמֶע הָאט גֶעקְלִינְגֶען צוּם צֵיין דָאקְטָאר בֶּעטְן אַז מֶען זָאל מִיר גֶעבְּן אַ רֵייעֶ זֵייעֶר ווִיכְטִיג ווַייל אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן אִין קֶעמְפּ מִיט אַזֶעלְכֶע צֵיין וֵוייטָאג. דֶער סֶעקְרֶעטָאר הָאט גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין אַרִיבֶּערְקוּמֶען.

שְׁנֶעל בִּין אִיךְ גֶעלָאפְן כַאפְּן דִי בָּאס צוּם צֵיין דָאקְטָאר. אַרַיינְקוּמֶענְדִיג זֶענֶען שׁוֹין דִי לֶעקְטֶערְס גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אַלֶע אַרְבֶּעטֶער הָאבְּן שׁוֹין פַארְלָאזְט דָאס פְּלַאץ.

"וָואס טוּסְטוּ דָא?" הָאט מִיר דֶער צֵיין דָאקְטָאר עֶנְטְפַאנְגְן מִיט אַ זוֹיעֶרֶע מִינֶע."

"אִיךְ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין צֵיין אוּן מָארְגְן דַארְף אִיךְ פָארְן אִין קֶעמְפּ," הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטַאמְלְט צוּם נֶערְוֶועזְן צֵיין דָאקְטָאר.

עֶר קוּקְט אוֹיפְן זֵייגֶער, דֶערְנָאךְ אוֹיפְן מַאשִׁינֶערַיי וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעלָאשְׁן פַארְן טָאג - ס'אִיז פּוּנְקְט אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ טָאג פוּן חַגָּא (גוֹי'שֶׁער הוֹלִיֶען טָאג) וָואס עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעוָואלְט דֶערְוֶוען פְּרַיי, אוּן דָא שְׁטֵייט פַאר אִים אַ אִינְגְל וָואס דַארְף מָארְגְן פָארְן אִין קֶעמְפּ.

"נוּ, נוּ," הָאט עֶר גֶעשָׁאקְלְט מִיטְן קָאפּ, "זֶעץ זִיךְ."

עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיינֶע גֶעצֵייג אוּן אָן קֵיין טְרָאפּ גֶעדוּלְד הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בָּארְן מַיין צֵיין. דֶער עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁער בָּארֶער אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעלָאשְׁן הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט מִיט אַ גָאפְּל. עֶס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט זֵייעֶר לַאנְג וֶוען יֶעדֶע מִינוּט קוּקְט עֶר אוֹיפְן זֵייגֶער אוּן דֶערְנָאךְ צוּ מַיין צֵיין אוּן קְרֶעכְצְעט.

"אוֹי, אַזַא גְרוֹיסֶע לָאךְ, דוּ וֶועסְט דַארְפְן אַ 'רוּט קַאנַאל' (אַ בַּאהַאנְדְלוּנְג בַּיים שׁוֹרֶש), אִיךְ פוּל נָאר אָן דִי צֵיין אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ מוּזְן צוּרִיקְקוּמֶען פַאר אַ בַּאהַאנְדְלוּנְג."

אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקְרֶעכְצְעט אוּן גֶערֶעדְט וָואסְפַארַא שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט דָאס אִיז אוּן וִוי גְרוֹיס דֶער לָאךְ אִיז. אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט זִיצְן אוֹיפְן פְּלַאץ צְוֵויי שָׁעָה בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט קְרַאצְן דֶעם צֵיין מִיט דִי גָאפְּל אוּן עֶס אָנְפוּלְן. עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע אַרְבֶּעט. דִי צֶעמֶענְט מִיט וָואס מֶען פִּילְט אָן דֶער לָאךְ אִיז אִיבֶּערְגֶערִינֶען צוּ דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶע צֵיין אוּן גֶעשַׁאפְן אַ בֶּערְגְל...

עֶנְדְלִיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְזֶען אִינְדֶערְהֵיים אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן צֶעקְלַאפְּט מִיט וֵוייטָאג. אָבֶּער

## מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען

## די גורל פון "גאר מיין זאך איז תפלה" איז נתנדב געווארן דורך א חשוב'ן נדבן, פאר די קינדער וועלכע זענען געווען אין שול שבת אינדערפרי פאר הודו, אין א ברסלב'ע שול וואו מען דאוונט פארן ערשטן זמן קריאת שמע.

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**

**דער געווינער פון פרשת וארא**

**הילד החשוב נחמן סיימאנס, ירושלים**

**מען קען אפנעמען די מתנה ביים משגיח הרב משה גפנער אין תלמוד תורה ברסלב ירושלים**

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט מִיר אוֹיסְצוּהֶערְן. מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ בַּאזוּך אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין הוֹיז. עֶס הָאט זִיךְ גֶעטוּן אַ גֶערוּדֶער אוּן אַ גֶעפּוּלְדֶער.

אִיךְ בִּין אַרָאפּ אִין בֶּעיסְמֶענְט (שְׁטָאק אוּנְטֶער דִי עֶרְד) אֵיינֶער אַלֵיין אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין. דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאקְלֶערְט, אוֹיבּ וֵויינֶען לָאמִיךְ שׁוֹין מַאכְן נִיצְן פוּן מַיינֶע טְרֶערְן. אִיךְ הָאבּ הֵייס מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן קַיין רוּט-קַאנַאל אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע צֵיינֶער. נָאכְן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן מַיין פָּנִים אוּן אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִין הוֹיז וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט.

אַ גַאנְצְן זוּמֶער אִין קֶעמְפּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַייעֶן אוֹיפְן בֶּערְגֶל פוּן דִי פַּארָאכְטֶענֶע צֵיין, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט. אוֹיךְ אִין קֶעמְפּ הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף כַּפָּרַת עֲוֹונוֹת אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר גֶעבְּן גוּטֶע צֵיינֶער.

וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן קֶעמְפּ בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּם גֶעהֶערִיגְן צֵיין דָאקְטָאר אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף דֶעם צֵיין דָאקְטָאר וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַזַא גֶעפֶערְלִיכֶע אַרְבֶּעט. עֶר הָאט עֶס שֵׁיין פַּארֶעכְטְן אוּן מִיר גֶעמָאלְדְן אַז ב"ה אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין רוּט-קַאנַאל.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער," פִּירְט מַיין טַאטֶע אוֹיס, "דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַז מַיינֶע תְּפִלּוֹת הָאבְּן עוֹשֶׂה רוֹשֶׁם גֶעוֶוען אוּן אוֹיךְ אוֹיף עֶנְק. קוּקְטְס עֶנְק אָן, קֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין רוּט-קַאנַאל. אוּן אִיךְ הָאבּ ב"ה גֶעזוּנְטֶע צֵיינֶער. מִיר דַארְפְן וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין צוּ הָאבְּן שְׁטַארְקֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע צֵיינֶער!"

המשך פון זייט 1

אִיד, וָואס שְׁטֵייט הַיינְט-צוּ-טָאג אִין דֶעם דוֹר דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם מִצְוָה.

עֶס אִיז דָא אַ תְּפִלָּה אִין שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, 'כִּי עָלֶיךָ נָפַל חוֹבַת הַיּוֹם', אוֹיף דִיר לִיגְט דִי עֲבוֹדָה פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵרוֹת אוּן פְּגָמִים מִיט-דֶעם-אַלֶעם, דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז נֵיי אִינְגַאנְצְן!!

אֲפִילוּ דֶער שְׁוַואכְסְטֶער אִיד וָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ יֶעצְט דַאוֶוענֶען אָדֶער לֶערְנֶען, טוּט עֶר גְרוֹיס מַאכְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען, וָואס דִי עֲבוֹדָה קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם מַלְאַךְ אָדֶער שָׂרָף אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע נְשָׁמוֹת וֶועלְכֶע זֶענֶען שׁוֹין אִין גַּן-עֵדֶן הָעֶלְיוֹן, קֶענֶען נִישְׁט מַשְׁלִים זַיין דִי עֲבוֹדָה וָואס דֶער פָּשׁוּטֶ'ער אִיד קֶען. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט 'לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ' אַ מֵת אִיז שׁוֹין פָּטוּר פוּן מִצְווֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק: כִּי יָדַעְתָּ כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם, דוּרְכְדֶעם, וַתַּעַשׂ לְךָ שֵׁם כְּהַיּוֹם הַזֶּה, מִיט דֶעם וָואס דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעפַּיינִיגְט אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט דִי אִידְן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַזַא בִּיטֶערְן גָלוּת, דוּרְכְדֶעם אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס גֶעוָוארְן וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם. אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְט, וָואס מֶער דֶער יֵצֶר הָרָע פַּיינִיגְט אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, מֶער אוּן מֶער - אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן כֹּחַ פוּן דִי צַדִּיקִים, וֶוערְט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען וֶוערְט גֶעגְרוֹיסְט פִיל מֶער.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אַזוֹי וִוי אִין מִצְרַיִם אִיז דוּרְךְ דֶער שִׁעְבּוּד גֶעגְרוֹיסְט גֶעוָוארְן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס נָאמֶען, דוּרְךְ דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז גֶעוָוארְן אַ גְאוּלָה, זָאל שׁוֹין הַיינְט אוֹיךְ מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק, כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת (מיכה ז, טו) בְּכֹחַ דֶער צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ 'פֶּלֶא גָדוֹל' זָאל מֶען שׁוֹין בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בְּהִתְגַּלּוּת מַלְכוּת שָׁמַיִם לְעֵינֵי כֹּל, אָמֵן וְאָמֵן.

אַ גוּט שַׁבָּת

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶער הֶער פוּן שִׂמְחָה אוּן חֶדְוָה. אִיךְ בֶּעט דִיר! זֵיי מַמְשִׁיךְ אוֹיף מִיר אַ אֱמֶתְ'ע שִׂמְחָה פוּן הִימְל, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין " שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ" בה' תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹקַי ", אוּן דוּרְכְדֶעם זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַז מַיין מֹחַ זָאל בַּאפְרַייט וֶוערְן פוּן אִיר גֶעפֶּענְגֶענִישׁ.
ווַייל מִיט דַיין פִילֶע רַחֲמָנוּת הָאסְטוּ שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט אַ רְפוּאָה פַאר אוּנְז. דוּ הָאסְטוּ אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אִין יֶעדְן דוֹר הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אוֹיס עֵצוֹת אוּן אֱמֶתְ'ע דְרָכִים מִיט וֶועלְכֶע מִיר קֶענֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְשַׂמֵּחַ זַיין אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ, "בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּלָנוּ מִן הַתּוֹעִים".
הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה, אוּן טְרֶעפְן אִין מִיר נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וָואס זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען צוּ אֱמֶתְ'ע שִׂמְחָה, אוּן צוּ אַן אֱמֶתְ'ע יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר פוּן יֶעצְט אוֹיף אַלֶעמָאל. "אַל תַּעַזְבֵנִי ה' אֱלֹקַי אַל תִּרְחַק מִמֶּנִּי, חוּשָׁה לְעֶזְרָתִי ה' תְּשׁוּעָתִי".
(ליקוטי תפלות ח"ב תפלה י')

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' יעקב דוד ראטנבערג הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' גד אייזלער הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

# גְבוּרָה ...

# דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז גוּטֶע מִדּוֹת...

גְבוּרָה אִיז טַייטְשׁ שְׁטַארְקַייט. לָאמִיר אַייךְ פְרֶעגְן קִינְדֶער, "וֶוער ווִיל זַיין שְׁטַארְק?" "וֶוער נִישְׁט?", יֶעדֶעס קִינְד ווִיל זַיין שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם. ס'אִיז דָא קִינְדֶער וָואס קְלֶערְן אַז שְׁטַארְק מֵיינְט, אֵיינֶער וָואס הָאט שְׁטַארְקֶע פִיס אוּן הֶענְט... עֶר קֶען הַאקְן אוּן שְׁלָאגְן אוּן יֶעדֶער הָאט מוֹרָא פוּן אִים... אַסַאךְ קִינְדֶער קְלֶערְן אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן הָאבְּן שְׁטַארְקֶע בֵּיינֶער אָדֶער זַיין הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן שְׁטַארְק, אָבֶּער יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֵיין אַז זִיךְ קְרִיגְן אוּן וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן אִיז זִיכֶער נִישְׁט קֵיין אֱמֶת'ע שְׁטַארְקַייט.

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַ"ל זָאגְט אוּנְז וָואס שְׁטַארְק מֵיינְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין צְוֵויי תּוֹרוֹת אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (רמ"ט, תנינא מג) "עִקַּר הַגְּבוּרָה הוּא בְּלֵב," דֶער עִיקָר שְׁטַארְקַייט אִיז אִין הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ! צוּם עֶרְשְׁט זֶעעֶן מִיר אַז גְבוּרָה הָאט נִישְׁט מִיט דִי הֶענְט אוּן פִיס צוּ טוּן, נָאר עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ. וָואס מֵיינְט אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ?

דִי מִשְׁנָה אִין אָבוֹת פְרֶעגְט שׁוֹין דִי שְׁאֵלָה: "אֵיזֶהוּ גִבּוֹר"...? וֶוער אִיז אִיז בֶּאֱמֶת אַ שְׁטַארְקֶער? אוּן דִי מִשְׁנָה עֶנְטְפֶערְט: "הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ," דֶער וָואס שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע. אַן אֱמֶת'ער גִבּוֹר אִיז אֵיינֶער וָואס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אַנְטְקֶעגְן דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער בַּעַל דָבָר רֶעדְט אִים אַיין אִין הַארְץ צוּ טוּן. לְמָשָׁל, אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַ חָבֵר צוּ אַ אִינְגְל אִין חֵדֶר, אוּן זָאגְט: "קוּם, לָאמִיר מַאכְן אַ שְׁפִּיצְל פַארְן מְלַמֵּד"... אַ שְׁטַארְקֶער אִינְגְל וֶועט אִים זָאגְן: "נֵיין! ס'אִיז חֲצְפָּה!" אוּן נֶעבֶּעךְ אַ שְׁוַואכֶער קִינְד וֶועט זִיךְ לָאזְן פַארְשְׁלֶעפְּן אוּן נָאכְמַאכְן, אוּן צוּמָאל אוֹיךְ בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן צוּזַאמֶען מִיט יֶענֶעם חָבֵר...

דִי וֶועלְט קוּקְט אוֹיף גְבוּרָה אִינְגַאנְצְן פַארְקֶערְט ווִי מֶען דַארְף. יֶעדֶע מְדִינָה פְּרָאבִּירְט זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְקֶער אוּן מֶעכְטִיגֶער ווִי דִי צְוֵוייטֶע מְדִינָה. יֶעדֶער פְּרָאבִּירְט אוֹיסְצוּטְרַאכְטְן שְׁטֶערְקֶערֶע בָּאמְבֶּעס אוּן גֶעוֶוער צוּ קֶענֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת זֵיי צוּ בַּאזִיגְן. וֶוער ס'קֶען זִיךְ בֶּעסֶער קְרִיגְן, דֶער אִיז שְׁטֶערְקֶער.

דֶער רֶבִּי זַ"ל הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם, ווִי לָאכֶעדִיג דָאס אִיז אַז אַ מְדִינָה צָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט אוּן גְרוֹיסֶע פָּארְשֶׁער זִיצְן אוּן פְּלַאנִירְן מִיט חָכְמָה ווִי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן עֶרְגֶערֶע בָּאמְבֶּע וָואס קֶען הַרְגִ'ענֶען רַחֲמָנָא לִצְלַן מֶער מֶענְטְשְׁן... ווִי נַארִישׁ אִיז דִי שְׁטַארְקַייט פוּן דֶער וֶועלְט. דִי אֱמֶת'ע שְׁטַארְקַייט וָואס דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט. ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק מֶען זִיךְ אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע רְצוֹנוֹת, מֶען אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוּן מֶען הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן, מֶען גִיבְּט אַוֶועק פוּן זִיךְ.

המשך אויף די לעצטע זייט



# דִי צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה 4




**אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגְיהוֹיבִּין** מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין.

**הָאט עֶר זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גְיזָאגְט** כַּנַ"ל. אִיר זֶענְט אַלֶע אִין טָעוּת. אוּן אִין גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט. אוּן דָאס אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. דְהַיְינוּ דָאס גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט.

**נָאר סֶע אִיז אַ יָחִיד בָּרוּךְ הוּא פַאר הַאנְדִין דְהַיְינוּ דֶער בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וָואס עֶר הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפִין נָאר אִים בַּאדַארְף מֶען דִינֶען. אוּן גֶעלְט אִיז גָאר אַ נַארִישְׁקֵייט וְכוּ'.**

**אוּן דִי מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט.** אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. זֵיי וֶועלִין אַייךְ גָאר נִיט קָאנֶען הֶעלְפִין. וָוארִין זֵיי זֶענֶען נָאר מֶענְטְשְׁן וְכוּ' (אַזוֹי הָאט זֵיי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גְיזָאגְט)

**הָאבִּין זֵיי אִים גְיהַאלְטִין פַאר מְשׁוּגָע.** וָוארִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי גִילִיגְין אִין דֶעם גֶעלְט אוּן זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי דְרִינֶען פַארְנַארִישְׁט גְיוָוארִין. בִּיז דֶער וָואס עֶר הָאט אַקֶעגִין זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט עֶפֶּעס גִירֶעט. אִיז דֶערבַּיי זֵיי גְיוֶוען מְשׁוּגָע.

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט.** וָואס אִיז דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אוֹיף דֶעם גִבּוֹר. אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר כַּנַ"ל. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר אִיךְ בִּין גְיוֶוען בַּיי אַ מֶלֶךְ. אִיז בַּיי דֶעם מֶלֶךְ פַארְפַאלִין גְיוָוארִין אַ גִבּוֹר.

**אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִיבּוֹר.** קָאן אִיךְ מִיךְ מִיט אִים. אוּן וַוייטֶער דָאס וָואס אִיר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דֶער מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. דָאס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט.

**וָוארִין זֵיי וֶועלִין** אַייךְ גָאר נִיט קֶענֶען הֶעלְפִין. אַדְרַבָּא. דָאס וֶועט נָאךְ זַיין אַייעֶר מַפָּלָה אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיף זֵיי פַארְלָאזִין.

**הָאבִּין זֵיי אִים גְיזָאגְט** פוּן וַואנֶען וֵוייסְטוּ דָאס (אַז דִי מְדִינָה קָאן זֵיי נִיט הֶעלְפִין. אוּן זֵיי וֶועלִין נָאךְ אַ מַפָּלָה הָאבִּין דוּרְךְ דֶעם).

**הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט.** בַּאֲשֶׁר בַּיי דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בַּיי אִים גְיוֶוען. הָאט עֶר גִיהַאט אַ יַד דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ זַאךְ אַזוֹי וִוי אַ הַאנְט מִיט פִינְעף פִינְגֶער. אוּן מִיט אַלֶע שִׁירְטוּטִין (דְהַיְינוּ אַלֶע קְנֵייטְשְׁן אוּן אַלֶע קְרִיצִין) וָואס אוֹיף אַ הַאנְט אִיז פַארְהַאנְדִין.

**אוּן דִי יַד אִיז גְיוֶוען** דֶער לַאנְד קַארְט פוּן אַלֶע וֶועלְטִין. אוּן גָאר וָואס סֶע אִיז גְיוֶוען זִינְט הִימִיל אוּן עֶרְד אִיז בַּאשַׁאפִין גְיוָוארִין בִּיז אִין סוֹף. אוּן וָואס סֶע וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ. אִיז אַלְץ אוֹיסְגִימָאלְט גְיוֶוען אוֹיף דֶער יַד. וָוארִין סֶע גְיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אִין דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער יַד. דָאס גִימֶעל פוּן אַלֶע וֶועלְטִין.

**וִוי אַזוֹי אִיטְלִיכֶע וֶועלְט שְׁטֵייט.** מִיט אַלֶע זַאכִין פוּן אִיטְלִיכֶער וֶועלְט בִּפְרָטִיוּת. אַלְץ אַרוֹיס גִישְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער יַד. אַזוֹי וִוי אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט אִיז אוֹיס גִימָאלְט (אַזוֹי וִוי סֶע וֵוייסִין דִי וָואס זֵיי זֶענֶען גִינִיט אִין דֶעם לַאנְד קַארְט.

**דְהַיְינוּ סֶע אִיז אוֹיס גִימָאלְט** אוֹיף אַ פַּאפִּיר אִיטְלִיכֶע שְׁטָאט אוּן אִיטְלִיכֶע מְדִינָה. אוּן אִיטְלִיכְס בְּרִיקְל אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכִין טַייכְלִיךְ אוּן וֶועלְדֶער וְכוּ'.

**אוּן בַּיי אִיטְלִיכֶע זַאךְ** שְׁטֵייט אַלְץ אָנְגִישְׁרִיבִּין אַז דָאס אִיז דִי שְׁטָאט אוּן דָאס אִיז דִי מְדִינָה וְכוּ') אַזוֹי אִיז אוֹיף דֶער יַד גְיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אַלֶע וֶועלְטִין דוּרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵיטְשְׁן פוּן דֶער יַד.

**אוּן אִין דִי קְרִיצִין** פוּן דֶער יַד אִיז גְיוֶוען אַזוֹי וִוי אוֹתִיּוֹת. אַזוֹי וִוי אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט שְׁטֵייעֶן אָנְגִישְׁרִיבְּן אוֹתִיּוֹת בַּיי

אִיטְלִיכֶער זַאךְ כְּדֵי מֶען זָאל וִויסִין וָואס דָאס אִיז דְהַיינוּ מֶען זָאל וִויסִין אַז דָא אִיז דִי שְׁטָאט.

**אוּן דָא אִיז דָאס טַייכִיל** אוּן אַזוֹי דֶעסְט גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. אַזוֹי אִיז פּוּנְקְט גִיוֶועןאָנְגִיצֵייכִינְט דוּרְךְ דִי קְרִיצִין פוּן דֶער הַאנְט אַזוֹי וִוי אוֹתִיוֹת. וָואס דִי אוֹתִיוֹת זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ וָואס סֶע גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף דֶער יַד. כְּדֵי מֶען זָאל וִויסִין וָואס אִיטְלִיכֶע זַאךְ אִיז וָואס דָארְט אִיז אוֹיסְגִימָאלְט.

**אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶע מְדִינָה** בַּאזוּנְדֶער אוּן אִיטְלִיכֶע שְׁטָאט אוּן אַלֶע טַייכְן אוּן בְּרִיקִין אוּן בֶּערְג אוּן אַנְדֶערֶע זַאכִין (וָואס סֶע גִיפִינְט זִיךְ אִין דֶער וֶועלְט אוּן אִין אַלֶע וֶועלְטִין) אִיז אַלְץ גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אוֹיף דֶער יַד דוּרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער יַד.

**אוּן בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ** אִיז אַלְץ גִישְׁטַאנֶען אוֹתִיוֹת אַז דָאס אִיז דִי זַאךְ אוּן דָאס אִיז דִי זַאךְ וְכוּ'. אוּן אַזוֹי אַלֶע מֶענְשְׁן וָואס סֶע גֵייעֶן אַרוּם אִין אִיטְלִיכֶער מְדִינָה אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע **מְאוֹרָעוֹת** (דְהַיינוּ אַלְץ וָואס אוֹיף אַ מֶענְשְׁן גֵייט אִיבֶּער וַוייל עֶר לֶעבְּט) אִיז אַלְץ גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף דֶער הַאנְט.

**אוּן סֶע אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען** אֲפִילוּ אַלֶע וֶועגִין פוּן אֵיין מְדִינָה צוּ דֶער אַנְדֶערֶער. אוּן פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנְדֶערִין אוּן מַחְמַת דֶעם הָאבּ אִיךְ גְוואוּסְט דֶעם וֶועג אַרַיין צוּ גֵיין אַהֶער אִין שְׁטָאט אַרַיין. וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ קָאן אַהֶער נִיט קוּמֶען. (וָואוּרִין דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט הָאבִּין זִיךְ אַרוּם גִיגְרָאבִּין זֵייעֶרֶע שְׁטֶעט אוּן קֵיינֶער הָאט צוּ זֵיי נִיט גִיקָאנְט קוּמֶען כַּנַּ"ל) **אוּן אַזוֹי אַז אִיר** וִוילְט מִיךְ שִׁיקִין אִין דֶער אַנְדֶערֶער שְׁטָאט אַרַיין. וֵוייס אִיךְ אוֹיךְ דֶעם וֶועג. אַלְץ דוּרְךְ דֶעם יַד.

**אוּן אַזוֹי אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער יַד.** דֶער וֶועג פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער וֶועלְט. וָואוּרִין סֶע אִיז פַאְרהַאנְדִין אַ וֶועג וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועג קָאן מֶען אַרוֹיף גֵיין פוּן דֶער עֶרְד אוֹיף דֶעם הִימִיל. (וָואוּרִין פוּן דֶער עֶרְד אוֹיף דֶעם הִימִיל קָאן מֶען נִיט אַרוֹיף גֵיין מַחְמַת מֶע וֵוייסְט נִיט דֶעם וֶועג. אוּן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען דֶער וֶועג וִוירִימִיר מֶען זָאל אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם הִימִיל)

**אוּן סֶע אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַלֶע וֶועגִין** וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער וֶועלְט. וָואוּרִין אֵלִיָּהוּ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל מִיט דֶעם וֶועג. אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען דֶער וֶועג. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל מִיט אֵיין אַנְדֶערְן וֶועג.

**אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען יֶענֶער וֶועג אוֹיךְ.** אוּן אַזוֹי חֲנוֹךְ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל נָאךְ מִיט אֵיין אַנְדֶערִין וֶועג. אִיז דָארְט דֶער וֶועג אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען אוּן אַזוֹי פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער (וַוייטֶער הֶעכֶער) אִיז אַלְץ גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער הַאנְט. דוּרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער הַאנְט

**אוּן סֶע אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער יַד.** אִיטְלִיכֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי סֶע אִיז גִיוֶוען בְּשַׁעַת דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפִין גִיוָואְרִין. אוּן וִוי אַזוֹי סֶע אִיז הַיינְט. אוּן וִוי אַזוֹי סֶע וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ. דְהַיינוּ סְדוֹם. אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹסְגִימָאלְט אַזוֹי וִוי דִי שְׁטָאט אִיז גִיוֶוען פְרִיר אֵיי זִי אִיז אִיבֶּער גִיקֶערְט גִיוָואְרִין.

**אוּן וִוידֶער אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹיסְגִימָאלְט** אַזוֹי וִוי סְדוֹם קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער. אַזוֹי וִוי אַ שְׁטָאט קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער. אוּן וִוידֶער אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹיסְגִימָאלְט סְדוֹם וָואסִיר אַ פָּנִים סֶע הָאט הַיינְט. נָאךְ דֶעם אִיבֶּער קֶערִין זִיךְ. וָואוּרִין אוֹיף דֶער יַד אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט. וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען. אוּן וָואס סֶע אִיז הַיינְט. אוּן וָואס סֶע וֶועט זַיין.

**אוּן דָארְט אוֹיף דֶער יַד** הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. אַז דִי מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטְן. מִיט דִי אַלֶע מֶענְשְׁן וָואס זֵיי וֶועלִין צוּ זֵיי קוּמֶען אוֹיף הִילְף (דְהַיינוּ אַז דִי מְדִינָה זָאל זֵיי הֶעלְפְן) **וֶועלְן זֵיי אַלֶע בֵּיידֶע אַ מַפָּלָה הָאבְּן.** (אַזוֹי הָאט זֵיי אַלְץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דֶערְצֵיילְט).

**אִיז בַּיי זֵיי דִי זַאךְ אַ ווילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען.** וָוארִין מֶען דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז אֶמֶתְע רֵייד. וָוארִין דָאס וֵוייסְט מֶען אַז אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט. שְׁטֵייט אוֹיסְגִימָאלְט אַלֶע זַאכְן.

**הָאבִּין זֵיי פַּארְשְׁטַאנֶען** אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֶמֶת וָוארִין אַזוֹינְס קָאן מֶען זִיךְ נִיט אוֹיסְטְרַאכְטִין. וָוארִין דָאס זֶעהְט מֶען זִיךְ אַז מֶען קָאן צוּם הוֹיף נֶעמֶען צְווֵיי קְרִיצִין פוּן דֶער הַאנְט וֶועט דְרוֹיס וֶוערִין אֵיין אוֹת. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי פַּארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין אוֹיס גִיטְרַאכְטֶע זַאךְ. אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ ווילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען.

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט** וואוּ אִיז עֶרְגֶעץ דֶער מֶלֶךְ. טָאמֶער וֶועט עֶר אוּנְז וַוייזִין אַ וֶועג. ווִי מֶען זָאל גִיפִינֶען גֶעלְט. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. נָאךְ ווִילְט אִיר גֶעלְט (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי אֵיינֶער פַּארְווִינְדֶערְט זִיךְ אוּן בֵּייזֶערְט זִיךְ) **פוּן גֶעלְט שְׁמוּסְט** גָאר נִיט.

**הָאבִּן זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט.** פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פָּארְט. זָאג אוּנְז ווִי דֶער מֶלֶךְ אִיז. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ נִיט פוּן דֶעם מֶלֶךְ ווִי עֶר אִיז. אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גִיוֶוען.

**אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ מִיט אַ מַלְכָּה.** אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַ בַּת יְחִידָה. אוּן סֶע גִיקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶער צַייט וָואס מֶע הָאט אִיר בַּאדַארְפְט חַתוּנָה צוּ מַאכִין.

**הָאט מֶען גִיזֶעצְט יוֹעֲצִים** מֶען זָאל אֵיין עֵצָה הַאלְטִין. וֶועמֶען מֶען זָאל אִיר גֶעבִּין אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען צְווִישְׁן דִי יוֹעֲצִים (דְהַיינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ פַאר זֵיי) **וָוארִין דֶער מֶלֶךְ.** הָאט מִיךְ לִיבּ גִיהַאט.

**אִיז מַיין עֵצָה גִיוֶוען** אַז מֶען זָאל אִיר גִיבִּין דֶעם גִבּוֹר. וָוארִין דֶער גִבּוֹר הָאט אוּנְז גִיטָאן כַּמָה טוֹבוֹת. וָוארִין עֶר הָאט אַייְנְגִינוּמֶען כַּמָה מְדִינוֹת אִיבֶּער דֶעם קֶער מֶען אִים צוּ גִיבִּין דִי בַּת מַלְכָּה פַאר אֵיין ווַייבּ.

**אִיז מַיין עֵצָה זֵייעֶר גִיפֶעלִין.** אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע דְרוֹיף מַסְכִּים גִיוֶוען. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. וָואס מֶען הָאט גִיפוּנֶען אַ חָתָן צוּ דֶער בַּת מַלְכָּה. הָאט מֶען דֶער בַּת מַלְכָּה חַתוּנָה גִימַאכְט מִיט דֶעם גִבּוֹר.

**הָאט דִי בַּת מַלְכָּה גִיהַאט אַ קִינְד.** אוּן דָאס קִינְד אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער פַּארְשׁוֹין. וָואס סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶנְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט נִיט גִיוֶוען. אוּן זַיינֶע הָאר זֶענֶען גִיוֶוען פוּן גָאלְד. אוּן הָאבִּין גִיהַאט אַלִירְלֵיי פַּארְבִּין.

**אוּן זַיין פָּנִים אִיז גִיוֶוען אַזוֹי ווִי דִי זוּנֶען.** אוּן זַיינֶע אוֹיגִין זֶענֶען גִיוֶוען אַנְדֶערֶע אוֹרוֹת (כְּלוֹמֶר לֶעכְטִין) אוּן דָאס קִינְד אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארִין מִיט גְרֵייטֶער חָכְמָה וָוארִין מֶען הָאט אִין אִים גְזֶעהְן תֵּיכֶּף ווִי עֶר אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארְן. אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. וָוארִין אַז מֶענְטְשְׁן הָאבִּין גִישְׁמוּסְט. דָארְטִין ווִי מֶע הָאט בַּאדַארְפְט לַאכִין. הָאט עֶר גִילַאכְט.

**אוּן אַזוֹי דֶערְסְט גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכִין.** מֶע הָאט אִין אִים דֶערְקֶענְט אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. נָאר עֶר הָאט נָאךְ נִיט דִי תְּנוּעוֹת פוּן אַ גְרוֹיסִין. דְהַיינוּ עֶר קָאן נָאךְ נִיט רֵיידִין אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכִין. אָבֶּער דָאס הָאט מֶען אָנְגִיזֶעהְן תֵּיכֶּף אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

**אוּן בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען אַ מֵלִיץ.** דְהַיינוּ אַ רֵיידֶער אַ בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה. וָואס עֶר הָאט גִיקֶענְט רֵיידִין זֵייעֶר שֵׁיינֶע רֵייד. זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאכִין אוּן שִׁירוֹת אוּן תּוּשְׁבָּחוֹת צוּם מֶלֶךְ.

**אוּן דֶער מֵלִיץ אִיז אַלֵיין** אוֹיךְ גִיוֶוען אַ שֵׁיינֶער מֵלִיץ נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְווִיזִין דֶעם שְׁלַייךְ אוּן דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶען עֶר זָאל נֶעמֶען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶער חָכְמָה פוּן מְלִיצָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער מֵלִיץ.

**ווִידֶער הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהַאט אַ חָכָם.** אוּן דֶער חָכָם. אִיז אַלֵיין אוֹיךְ גִיוֶוען אַ חָכָם. נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְווִיזִין אַוֶועג פוּן וַואנֶען עֶר זָאל נֶעמֶען חָכְמָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם.

# "גאר מיין זאך איז תפלה"

## טייערע ברסלב'ער אינגל, פארוואס זאלסטו נישט קענען
## די מעשה פון דער בעל תפלה?

דיין דאווענען, דיין שמחה, דיין באנעמונג וועט אויסקוקן אינגאנצן אנדערש, דו וועסט שפירן א טעם אין לעבן, אין תורה און אין תפלה

**כאפ צו מיט!!**

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעווטע מעשה (4) - מבעל תפילה

**א. וואס האט דער בעל תפלה געזאגט פאר די שרים (עלצטע) ווען זיי האבן אים געכאפט**

- ☐ אז געלד איז נישט דער תכלית
- ☐ אז גבורה איז דער תכלית
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט אויף דעם וואס זיי פארלאזן זיך אויף די מדינה וואס אלע זענען גאטין (לויט זייער שיטה)?**

- ☐ אז אפשר וועלן זיי ענק העלפן
- ☐ אז זיי וועלן ענק גאר נישט קענען העלפן
- ☐ אז דער גבור וועט ענק העלפן

**ג. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן דעם גבור?**

- ☐ אז ער איז געווען ביי א קעניג איז ביי אים פארלוירן געווארן א גבור און אויב דאס איז דער גבור קען איך מיך מיט אים
- ☐ אז ער איז זייער שטארק און מ'דארף מורא האבן פון אים
- ☐ אז ער איז בכלל נישט קיין גבור

**ד. וואס נאך האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן די מדינה וואס דארטן זענען אלע גאטין (לויט זייער שיטה?**

- ☐ אז זיי זענען בכלל נישט שטארק
- ☐ אז אויב ענק וועלן זיך פארלאזן אויף זיי וועט דאס זיין ענקער מפלה
- ☐ אז אויב ענק וועלן זיך פארלאזן אויף זיי וועלן ענק מצליח זיין

**ה. פון וואו האט דער בעל תפלה געוואוסט דער ענטפער?**

- ☐ וויל ער איז געווען א נביא
- ☐ ווייל ער איז געווען פארזיכערט אין דעם
- ☐ ווייל דאס אלעס איז געווען אויסגעקריצט אויף די יד וואס איז געווען ביים קעניג

**ו. אויף די יד פון קעניג איז געווען געשריבן די וועגן פון איין מדינה צו די אנדערע?**

- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א טייל יא, און א טייל נישט

**ז. אויף די יד פון קעניג איז געווען געשריבן די וועגן פון איין וועלט צו די אנדערע וועלט?**

- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א טייל יא, און א טייל נישט

**ח. אלי' משה און חנוך זענען ארויף אין הימל אויף די זעלבע וועג אדער יעדער דורך א אנדערע וועג?**

- ☐ יעדער אויף א אנדערע וועג און אין די יד איז געשטאנען אלע וועגן
- ☐ אלע אוף די זעלבע וועג און אין די יד איז געשטאנען די וועג
- ☐ יעדער אויף א אנדערע וועג און אין די יד איז נישט געשטאנען די וועגן

**ט. וואס איז געשטאנען אויפ'ן יד**

- ☐ וואס עס איז געווען און וואס ס'איז יעצט
- ☐ וואס עס איז געווען און וואס ס'איז יעצט און וואס ס'וועט זיין
- ☐ וואס עס איז געווען

**י. וואס איז געשטאנען אין די יד וועגן די מדינה וואס זיי זאגן אז אלע דארטן זענען גאטין**

- ☐ אז יענע מדינה וועט האבן א מפלה
- ☐ אז די מענטשן וואס וועלן קומען צו זיי נאך הילף וועלן האבן א מפלה
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. האבן זיי געגלייבט דעם בעל תפלה? - און פארוואס?**

- ☐ זיי האבן פארשטאנען אז ס'איז אמת ווייל מ'קען זיך אזוינס נישט אויס טראכטן
- ☐ זיי האבן בכלל נישט געגלייבט ווייל ער רעדט קעגן זייער אמונה
- ☐ זיי האבן בכלל נישט צוגעהערט וואס ער האט געענטפערט

**יב. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן אים געפרעגט וואו איז דער קעניג אפשר קען מען ביי אים באקומען געלד?**

- ☐ פון געלד שמועסט גארנישט
- ☐ אז ס'איז שווער אנצוקומען צו אים
- ☐ אז געלד איז נישט דער תכלית

**יג. וואס איז געווען די עצה פון בעל תפלה ווען מ'האט זיך גע'עצה'ט מיט וועמען צו חתונה מאכן די בת יחידה פונעם קעניג??**

- ☐ מיט דעם חכם פונעם קעניג
- ☐ מיט דעם אוהב נאמן פונעם קעניג
- ☐ מיט דעם גבור פונעם קעניג

**יד. וועלכע מין האר האט געהאט די טאכטער פון בת מלכה?**

- ☐ פון גאלד
- ☐ אלע קאלירן
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. ווער נאך איז געווען ביים קעניג?**

- ☐ א מליץ (וואס האט געקענט שיין רעדן)
- ☐ א חכם
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**

- ☐ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז____________________.
- ☐ נישט צו רעדן פון געלד
- ☐ ________________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**

אלע קינדער וואס האבן געווינען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש אדער בן איש חי 54 דירה 11

הֶמשך פון זייט 7

# גְבוּרָה ... רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז גוּטֶע מִדּוֹת...

אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער וָואס הָאט דִי כֹּחַ צוּ זָאגְן ,"נֵיין!" זִיךְ אָפְּהַאלְטְן פוּן צוּ טוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ. אַזוֹי אַז עֶס קֶען זַיין אַז מֶען זֶעט אַ אִינְגְל וָואס קוּקְט אוֹיס אַ שְׁוַואכֶער אוּן פְּשׁוּטֶ'ער אָבֶער עֶר אִיז אַן אֱמֶת'ער גִּבּוֹר! אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ! עֶר קֶען זָאגְן 'נֵיין' אוֹיף אַ נַאשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְן הֶכְשֵׁר! עֶר קֶען אַרָאפְּלָאזְן דִי אוֹיגְן וֶוען עֶר גֵייט אוֹיפְן גַאס! עֶר קֶען זִיךְ אַיינְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן אַ זַאפְּטִיגֶע לָשׁוֹן הָרָע וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְן צוּנְג... דָאס אִיז אַן אֱמֶת'ער שְׁטַארְקֶער קִינְד. דִי שְׁטַארְקֵייט אִיז אַזוֹי וִוי אַ חוֹמָה, עֶס בּוֹיעֶט אִים אוֹיף אוּן גִיבְּט אִים אַכְטוּנְג פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס.

וִוי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ גִּבּוֹר? לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַז יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד הָאט אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְּבוּרָה, "כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הוּא בַּעַל כֹּחַ גָּדוֹל לַעֲמֹד נֶגֶד כָּל הָעוֹלָם עִם כָּל הַתַּאֲווֹת רַק הָעִקָּר- שֶׁיִּזְכֶּה לֵידַע מִכֹּחוֹ"... (משיבת נפש כה). יֶעדֶער אִיד הָאט שׁוֹין אִין זִיךְ דִי שְׁטַארְקֵייט, נָאר דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶר כֹּחַ, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שְׁוַואךְ אוּן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "חֲזַק וְנִתְחַזֵּק וְאַל תְּהִיֶה כְּפִּיל הַגָּדוֹל"... (שִׁיר יְדִידוּת), שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זֵיי נִישְׁט אַזוֹי וִוי אַ עֶלֶעפַאנְט (פִּיל) וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ פוּן אַ קְלֵיין מַייזֶעלֶע. פַארְוָואס שְׁרֶעקְט זִיךְ דֶער עֶלֶעפַאנְט? וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן זַיין כֹּחַ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן שְׁטַארְק אַסַאךְ שְׁטַארְקֶער וִוי דִי מַייזֶעלֶע...

דִי חַיּוֹת פָארְשֶׁער הָאבְּן אַמָאל גֶעוָואלְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם עֶלֶעפַאנְט. הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַ בֶּעיבִּי עֶלֶעפַאנְט אוּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אַ שְׁטְרִיק, אוּן דֶעם שְׁטְרִיק הָאבְּן זֵיי צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אַ פַּאס מִיט שְׁטֵיינֶער. דֶער קְלֵיינֶער עֶלֶעפַאנְט הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְרַייסְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן. עֶר הָאט גֶעשְׁטוּיסְן אוּן גֶעשְׁטוּפְּט דִי פַּאס שְׁטֵיינֶער אַז עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן אוּן דִי שְׁטְרִיק זָאל לוֹיז וֶוערְן, אָבֶער סְ'אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. אַזוֹי אִיז דִי עֶלֶעפַאנְט גֶעוַואקְסְן גְרֶעסֶער אוּן שְׁטַארְקֶער, וֶוען דִי פָארְשֶׁערְס בְּרֶענְגֶען אִים יֶעדְן טָאג זַיין עֶסְן צוּם זֶעלְבְּן פְּלַאץ. דִי נָאז פוּן דִי בֶּעיבִּי עֶלֶעפַאנְט אִיז שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג, זַיינֶע פִּיס זֶענֶען שׁוֹין גְרָאבּ אוּן שְׁטַארְק. עֶר אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אַ רִיזִיגֶער עֶלֶעפַאנְט, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ. עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט גֶעבְּן אֵיין קְלֵיינֶע שְׁטוֹיס אוּן דִי גַאנְצֶע פַּאס שְׁטֵיינֶער וָואלְט אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן אוּן עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט בַּאפְרֵייעֶן פוּן דֶעם שְׁטְרִיק אָבֶער עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן זַיין כֹּחַ. עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז וִוי אַ בֶּעיבִּי עֶלֶעפַאנְט וָואס קֶען נִישְׁט רִיקְן אַ פַּאס מִיט אַפָּאר שְׁטֵיינֶער. אַזוֹי פַארְבְּרֶענְגְט עֶר נֶעבֶעךְ זַיינֶע טֶעג צוּגֶעבִּינְדְן צוּם פַּאס. אַ גַאנְצְן טָאג טוּט עֶר גָארְנִישְׁט נָאר עֶר גֵייט אַ רִינְג, אַרוּם אוּן אַרוּם דֶעם קְלֵיינֶעם פַּאס. וִוי נַארִישׁ אִיז עֶר!

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער רֶבִּי: אַ אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקֵייט, וָואס אִיז שְׁטַארְקֶער אוּן מֶער פוּן אַלֶע עֵצוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. מֶען קֶען אִים גֶעבְּן אֵיין שְׁטוֹיס אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע פְלִיט אַוֶועק, נָאר מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן גְלֵייבְּן אִין דִי כּוֹחוֹת וָואס לִיגְט אִין אוּנְז אַלֵיין.